ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

## כתובים בידי הרבנית הצדקנית
## מרת **חנה** ע״ה ז״ל

אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל

## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו מרת **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי׳** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו מרת **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו מרת **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב

הקטן שממנו בקע האור. כמו כל הבתים באותם מקומות היה הבית בנוי מחימר, והיה רטוב זמן רב יותר משהיה יבש. גם רצפה של ממש לא היתה בבית, אלא קרקע מרוחה בחימר בלבד.

בעל־הבית ורעייתו הגויה ריחמו, כנראה, על הגולים, והניחו להם להיכנס הביתה, כלומר — למטבח. הם פרסו עבורם שמיכה על הקרקע, סמוך לדלת הכניסה, ועליה שכבו שני הגולים לישון, מבלי לפשוט את בגדיהם, כשהם מתכרבלים במעילים שנשאו עמם. מטבע הדברים קשה היה להם להירדם כך, כשהם מוטלים על הארץ, בקור וברטיבות שחדרה מעט דרך המעיל, אך לאחר שהוגשו להם כוסות מים חמים עלה בידם סוף־סוף להירדם ולישון מעט.

בינתיים החל היום להאיר, והיה על שני הגולים לקום ולהתחיל לחשוב על חיפוש מקום מגורים קבוע. בעלי־הבית בחנו את שני האורחים, והרשו לבעלי ע"ה להישאר בביתם, אולם ליהודי השני הם לא הניחו בשום אופן להישאר. מטבע הדברים לא נעם לבעלי להשאיר את מקום המגורים לעצמו בלבד, אולם הוא נאלץ להסכים לכך, ונשאר להתגורר במטבח, שבו אכלו והתהלכו בלית־ברירה גם בעלי־הבית ושני ילדיהם.

למרות כל זאת, מאחר שסוף־סוף היתה לבעלי קורת גג לראשו, וכתובת שבאמצעותה ניתן להגיע אליו — שלח אלי מיד מברק, ובו ביקש שאשלח לו לכל־לראש את הטלית והתפילין, וכן חבילת מזון.

בקושי רב עלה בידי, לאחר חקירות רבות שערכתי בבית־הדואר, ליצור קשר עם התחנה שממנה נשלח המברק, ומובן ששלחתי מיד את שני הדברים שביקש. הטלית והתפילין הגיעו כעבור שלושה שבועות, ואילו חבילת המזון התגלגלה בדרכים שבעה שבועות.

היתה זו הפעם הראשונה לאחר כמעט שנה שלמה — כך סיפר לי בעלי לימים — שהוא התעטף והתעטר לתפילה בכל הדרוש לו ליהודי. לעולם לא ישכח את התענוג שחש באותה שעה.

**Reshimas Zichronos**

Kesuvim bidei Harabanis Hatzidkanis
Maras Chana

Installment 5

Published and Copyrighted © 2011
by
**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

נדפס בדפוס: The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

— שכאלה, היתה זו תחושה שקשה לתאר. עז היה רצונו של בעלי לציין בדרך כלשהי תחושה נעימה זו, אולם הוא היה שוב לבדו בין זרים. האוכלוסייה המקומית הורכבה מקאזאחים, טיפוסים אנושיים בלתי־מוכרים, כך שלא היה לבעלי עם מי לחלוק את תחושותיו, ולא נותר לו אלא להסתפק במחשבה על כך...

מאלמא־אטא נשלחו הגולים בקבוצות אל המחוזות השונים. המחוז שאליו נשלח בעלי היה מחוז קזיל־ארדא. כל הגולים רצו להישאר בעיר המחוז, שהיתה עיר של ממש, ומן הסתם היו בה גם אי־אלו יהודים, אולם הדבר לא הותר להם. רק אלוף־משנה אחד שהיה בין הגולים נשלח לתחנה שבה עוברת רכבת, ומטבע הדברים הוא שמח מאוד על כך שנשלח לשם במקום לכפר נידח כלשהו.

הם לנו בעיר רק לילה אחד, מבלי לראות איש, ולאחר־מכן נשלחו — שניים מתוך קבוצת הגולים שהגיעו לעיר, בעלי וגולה נוסף — לכפר ציאילי[57], מרחק ארבע שעות נסיעה מעיר המחוז.

**כ״ו אייר תש״ח**

בשעה מאוחרת בלילה הגיעו שני הגולים לציאילי. החושך היה מוחלט, והם לא ידעו לאן עליהם ללכת ברדתם מכלי הרכב שהובילם למקום. הקור היה נורא. הגולים לא הבינו ולו מלה אחת בשפה הקאזאחית, אך באמצעות הרוסית שבפיהם עלה בידם איכשהו לברר שבין תושבי המקום ישנו יהודי אחד, והם הגיעו לביתו. היה זה חייט שהגיע למקום בעבר כאסיר גולה, אך לאחר־מכן נשא לאשה נוצרייה מקומית ונותר לגור שם.

כשראה החייט את שני הגולים — שמן הסתם לא נראו במיטבם לאחר נסיעה שכזו — הם לא מצאו חן בעיניו, ככל הנראה, וחרף כל בקשותיהם הוא לא הסכים להכניסם לביתו בשום אופן.

בכוחותיהם האחרונים נאלצו השניים להמשיך בחיפושיהם. האדמה בציאילי בוצית ודביקה מאוד, ואינה קופאת כמעט לעולם. כפי שסיפר לי בעלי, כל שליפה של הרגל מן הבוץ היתה כמעט בלתי־אפשרית.

משהבחינו הגולים באור הבוקע מאחד החלונות, נכנסו אל ה״בית״

---

57) ברשימה שבהערה 2: ״זהו ששפטו אותי לגלות למתא ציאילי שהוא מלשון צל, ומספרו צ״ל א״ל״.

ב״ה.

## פתח דבר

הננו מו״ל בזה חוברת ה של „זכרונות״ שנרשמו ע״י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע״ה, אמו של כ״ק אדמו״ר זי״ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח״ז גם בתרגום ללה״ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה״ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר״ לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים״**

י״א מרחשון, ה׳תשע״ב
ברוקלין, נ.י.

## אסרו חג דפסח [תש״ח][1].

## דער זעגענען זיך אין חאַרקאָוו

עס ווילט זיך מיר, אויף וויפל עס געדיינקט זיך, פאַרצייכענען פון דער צייט ווי איך האָב דאָס שוין אויבן געשריבן. דאָס איז אַ מעשה פון אַכט יאָר, און איבערגעלעבט פאַר די לעצטע עטליכע יאָר אַזוי פיל שוועריקייטן, אַז עס הויבט זיך אָן, דאַכט זיך צו ביסלאַך פאַרגעסן —

פון[110] אויסווייניק מאַכט די תפיסה אין חאַרקאָוו אַ סך אַ גרינגערן איינדרוק ווי אין דניפּראָפּעטראָווסק. עס איז ריינער און ענליך אַ ביסל צו אַ פּריוואַטע וואָוינונג, און עס דאַכט זיך אַז די וועלכע געפינען זיך אינעווייניק איז זיי אפשר ניט אַזוי שלעכט. אָבער די מעשה איז ניט אַזוי, אינווייניק איז אַלץ מיט דעם זעלבן נוסח.

ער איז אַרויסגעגאַנגען, ווייטער מיט אַ שומר, און געדעדט דורך אַ דראָטענע רעשאַטקע[91]. אויף דעם געזיכט האָט ער זיך שרעקליך געענדערט, פון דעם ערשטן מאָל וואָס איך האָב אים געזען. געווייינליך, איז ער געוועזן צופרידן פון מיין קומען, אַלץ איבערגעבן איז זייער שווער געוועזן אונז ביידן, רעדן האָט מען ווייטער כמעט ניט געלאָזט. ווען מען שיקט זיי אַרויס האָט ער נאָך ניט געוואוסט. בעת דעם געזעגענען זיך האָט ער ווייטער זייער געוויינט, און געוואָלט זיך שטאַרקן. די פּוטערנע היטל איבער די אויערן מיט לעדער, עפּעס ניט ווי זיינער אַ הלבשה, און בכלל זייער אַ שלעכטער שטימונג. עס האָט ווי געטאָן צו זען ווי זיין שטאַרקייט האָט זיך געפּעלט. זייער מאָגער געוואָרן.

* * *

110) מכאן ואילך — המשך הרשימה דלעיל (ע׳ 000).



עד השעה ארבע לפנות־בוקר, לאחר שכבר נכנסתי אל הקרון. הכניסה אל הקרון אף היא לא היתה מן הדברים הקלים. הוא, מר רבינוביץ, דחף אותי פנימה; בעצמי מן הסתם לא הייתי מוצאת די כוח לשם כך. עד עתה מרגישה אני כלפיו הכרת־טובה עמוקה על הדרך הנפלאה שבה סייע לי.

לקראת ערב, לאחר נסיעה בלתי־נעימה בעליל, הגעתי לביתי, שבעת־רצון על כך שעשיתי כל מה שהיה ביכולתי. מעתה נותר לי לעשות רק דבר אחד — להמתין לידיעות על הנעשה עם בעלי.

## מברק מן הגלות

כעבור מספר שבועות קיבלתי גלוית־דואר ללא בול, ממנה נודע לי כי בעלי חי וכי הוא נמצא בדרכו למקום גלותו, אם־כי לא ידעתי מניין נשלחה הגלויה.

שוב חלפו יותר משבועיים, ולילה אחד, בשעה אחת אחר חצות, נקש מישהו על חלון ביתנו (פעמון בדלת כבר לא היה לנו אז), והביא מברק המודיע שבעלי הגיע ליעדו. שירות הדואר לא פעל בלילה, אך מאחר שעובדי המקום הבינו מתוך המברק שהוא מכיל ידיעה מהרב — הכירו כולם בחשיבות הדבר, ונערה יהודייה מבין העובדים הודיעה כי היא מתנדבת למסור לי את המברק עוד באותו לילה.

החילונו איפוא ללמוד את המברק, כדי להבין מאין נשלח, ולמצוא את מקומו של הכפר שבו נמצא בעלי.

## טלית ותפילין — לראשונה לאחר שנה

משלוח האסירים הובא בתחילה לעיר הבירה של קזחסטאן[55], במרכז אסיה, ומשם הם נשלחו קבוצות־קבוצות, כל אחד למקום שנקבע לו. היה זה בט״ו בשבט[56].

לימים סיפר לי בעלי על השמחה שהשתררה בקרב הגולים כשהרגישו לפתע חופשיים — הותר להם לנוע ללא שמירה, להתיישב בחשמלית העירונית כל אימת שיעלה ברצונם ולנסוע לכל מקום שיעלה בדעתם. לאחר אחד־עשר חודשים קשים — ומותר אף לומר: איומים

55) אלמא־אטא (ראה בתחילת הרשימה שבהערה 2).

56) להעיר, שבדיוק עשרים שנה לאחר יום זה (ט״ו בשבט ת״ש) — בש״פ בשלח, ט״ו בשבט ה׳תש״כ — הזכיר כ״ק אדמו״ר זי״ע את רשימותיו של אביו ז״ל בפעם הראשונה (תורת מנחם — התוועדויות תש״כ ח״א ע׳ 365 ואילך).

צורך בסולם כדי לעלות אליה. לרוחב המשאית הותקנו ספסלים מלוחות־עץ, ועליהם ישבו גברים, כל אחד מהם לבוש בבגדים שהיו ברשותו, אחדים מהם מכורבלים בשמיכות. היו ביניהם גם מספר נשים. לא שיערתי כלל שבעלי נמצא בין אנשים אלה, אך בכל זאת התבוננתי היטב במשאית, וראיתי שכל האסירים השפילו את ראשיהם כדי שפניהם לא ייראו.

כפי שבעלי סיפר לי לאחר־מכן, הוא אכן היה בין האסירים הללו, ואכן במסע זה שולחו האסירים מבית־הכלא בדרכם למקום גלותם. הם הובלו במשאית אל מחוץ למקום יישוב, והועלו לרכבת שהמתינה להם שם. בכך החל מסע הגלות.

[האסירים נסעו כך חודש ימים, מתוכם אחד־עשר יום שבהם כלל לא היו ברשותם מים. לימים סיפר לי בעלי ברגש רב עד כמה קשה היה לו באותם ימים לקיים נטילת־ידים של שחרית. ראיתי שהוא אינו יכול לשכוח זאת. התפלאתי מה עשה בעניין מים לשתייה כדי להשקיט את צמאונו, אולם על כך הוא השיב בתנועת ביטול, כלאחר־יד. אחד החיילים המלווים הוסיף לבעלי מדי־פעם כוסות מים, שבהם התאפשר לו ליטול את ידיו[54] ("אינך יכולה לתאר לעצמך איזה טעם היה לנטילת־ידיים זו", אמר לי בעלי). החייל עשה זאת תמורת מעט מזון שנתן לו בעלי מהצידה לדרך שהיתה ברשותו].

הבטתי אחרי משאית האסירים כל העת, מלווה במבטי את האנשים הסובלים.

בינתיים החשיך היום, ונסעתי בחזרה למקומי — הבית שאליו הגעתי בנסיעתי לחרקוב. עז היה רצוני להישאר במקום יום נוסף כדי לדעת ביתר בירור מה יהיה עם בעלי בימים הבאים, אולם לא יכולתי להישאר שם עוד כנסתרת, והרי אסור היה שיוודע על הימצאי במקום.

חזרתי איפוא אל תחנת־הרכבת כדי לנסוע בחזרה לביתי. הרכבת אמורה היתה לצאת בשעה עשר בלילה, אך למעשה יצאה רק בארבע לפנות־בוקר. התחנה לא היתה מחוממת, ומקום לשבת לא היה. הנוסעים היו רבים מאוד והכפור היה עז, כך שלא היתה אפשרות לעמוד ברחוב, וכולם נכנסו אל מבנה התחנה. התיישבתי איפוא באחת הפינות, נשענת על כרית קטנה שהיתה עמי.

מר רבינוביץ ליווה אותי אל תחנת הרכבת, ולא עזב את המקום

54) להעיר מעירובין כא, ב.



## דער פאָרן אין גלות

איך האָב געוואָלט זען ווי זיי וועלן אַוועקפאָרן, קיין וואַקזאַל[111] זאָגט מען ניט, און עס איז ניטאָ קיין מיטל זיך צו דערוויסן.

בין איך פּשוט אַרומגעגאַנגען אַרום דעם הויף, און פאַרנאַכט שוין, האָב איך געזען אַז עס איז אַרויס געפאָרן אַ גרוזאַוויק[112], אַ הויכער, מען האָט געדאַרפט אַרויף מיט אַ לייטער אויף אים. אין דער ברייט פון אים איז געווען צוגעמאַכט בענק פון ברעטער, און אויף די בענק זיינען געזעצן מענער אָנגעטאָן, יעדערער וואָס ער האָט געהאַט. געווען אייניגע מיט קאָלדערעס איבערגעדעקט, און צווישן זיי זיינען אויך געווען עטליכע פרויען. מיר האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז מיין מאַן איז צווישן דעם עולם. נאָר איך האָב גוט באַטראַכט דעם וואָגן, און אַלע האָבן געהאַלטן די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, מען זאָל די פּנים'ער ניט זען. ווי ער האָט מיר דערנאָך דערציילט, איז ער געווען צווישן דעם עולם, דאָס האָט מען זיי דעמאָלט אַוועקגעשיקט. מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין מיטן פעלד, און דאָרט איז געשטאַנען אַ צוג אין וועלכן מען האָט זיי אַריינגעזעצט. און דאָס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער עטאַפּ.

[געפאָרן זיינען זיי אַ חודש צייט. עלף טעג איז אַבסאָליוט קיין וואַסער ניט געווען. ער האָט מיר דערציילט מיט אַזויפיל הארץ, ווי שווער עס איז געווען מיט נעגל־וואַסער. איך האָב געזען אַז ער קען דאָס ניט פאַרגעסן. איך בין נתפעל געוואָרן וואָס ער האָט געטאָן מיט אַ טרונק צו שטילן זיין דורשט, אויף דעם האָט ער אָבער געענטפערט כלאחר־יד: געווען עפּעס איינער פון דעם קאָנוואָי[113], וועלכער האָט אַ פּאָר מאָל געגעבן צו גלעזער וואַסער מיט וועלכע מען האָט געקענט אָפּגיסן נעגל־וואַסער[114] (דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט געהאַט). דער סאָלדאַט האָט דאָס געטאָן פאַר אַ ביסל עסנענוואַרג וואָס ער האָט אים אָפּגעגעבן פון דעם „צדה־לדרך"].

111) תחנת רכבת.
112) משאית.
113) משמר ליווי.
114) להעיר מעירובין כא, ב.

איך האָב די גאַנצע צייט זיי נאָכגעקוקט, באַגלייט מיט מיין בליק די ליידענדע מענטשן.

דערווייל איז שוין געוואָרן פינצטער, בין איך אַוועקגעפאָרן צוריק אויף מיין אָרט וואו איך בין פאַרפאָרן. עס האָט זיך געוואָלט בלייבן אויף נאָך אַ טאָג, צו וויסן קלאָרער וואָס עס וועט מיט אים ווייטער זיין, איך האָב אָבער ניט געקענט מער זיין אַ נסתרה אין דער שטוב, און וויסן וועגן מיר האָט מען ניט געטאָרט.

אַלזאָ, בין איך אַוועק צום באַנהויף, אויף צו פאָרן צוריק אַ היים. דער צוג האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן צען ביינאַכט, נאָר אַוועק איז ער פיר פאַרטאָג. דער וואַקזאַל איז ניט געווען געהייצט, און וואו צו זעצען זיך איז ניט געווען. פאָרער זיינען געווען זייער אַ סך, און דער פראָסט איז געווען זייער שטאַרק. אויף דער גאַס איז ניט געווען קיין מעגליכקייט צו שטיין, זיינען אַלע אַריין אינווייניק. איך האָב זיך צוגעשפאַרט אין אַ ווינקל אויף אַ קליין קישעלע וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך. ראַבינאָוויץ, האָט מיר באַגלייט און איז ניט אַוועק ביז פיר אַזייגער פאַרטאָג ווען איך בין אַריין אין וואַגאָן.

אַריינצוגיין אין וואַגאָן איז אויך ניט געווען פון די גרינגע זאַכן, ער, ראַבינאָוויץ, האָט מיר אַריינגעשטופּט, אַליין וואָלט איך מסתמא אויף דעם קיין כח ניט געהאַט. איך פיל נאָך יעצט צו אים אַ טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר דעם שיינעם אופן ווי ער האָט מיר געהאָלפן.

נאָך אַ גאָר ניט קיין אַיינגענעמענע נסיעה, בין איך צו דער נאַכט צו ענדליך געקומען אַהיים, זייענדיק צופרידן, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן אַלץ וואָס איך האָב געקענט. פון איצט אָן איז מיר געבליבן בלויז איין זאַך צו טאָן, צו וואַרטן אויף ידיעות.

* * *

## אַ טעלעגראַמע פון טשילי

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָב איך באַקומען אַ פּאָסט קאַרטל אָן אַ



אסרו חג דפסח [תש"ח]

## פרידה בחרקוב

כפי שכבר כתבתי לעיל, עז רצוני לרשום את מאורעות אותם ימים, ככל שיד זכרוני מגעת. אלא שמאז חלפו כבר שמונה שנים, ובשנים ספורות אחרונות אלה חוויתי תלאות כה רבות, עד שדומתני שהדברים מתחילים להשתכח קמעה.

במבט[53] מבחוץ, מותיר בית־הכלא בחרקוב רושם נוח בהרבה מבית־הכלא בדנייפרופטרובסק. הוא נקי יותר ודומה במקצת למגורים פרטיים, כך שנדמה כאילו מצבם של הנמצאים בתוכו אינו נורא כל־כך. אולם לאמיתו של דבר אין הדברים כך. מבפנים, כל בתי־הכלא הם בסגנון דומה.

גם הפעם יצא בעלי אל המפגש בליווי שומר, והשיחה התקיימה דרך רשת ברזל.

מראה פניו של בעלי השתנה להחריד מאז הפעם הראשונה שראיתיו. הוא שמח, כמובן, על בואי. לשנינו היה קשה מאוד לספר את כל פרטי הדברים, משום שגם כאן כמעט לא הניחו לנו לדבר. בעלי לא ידע עדיין מתי עתיד משלוח האסירים לצאת.

בשעת הפרידה בכה בעלי שוב רבות, אך השתדל להתחזק. הוא חבש את כובע הפרווה שלו כך שרצועות העור של הכובע כיסו את אוזניו, שלא כדרך חבישתו הרגילה, ובכלל — מצב־רוחו היה רע מאוד. כואב היה לראות עד כמה התמעט כוחו. הוא רָזָה מאוד.

## היציאה לגלות

רציתי לצפות ביציאתו של משלוח האסירים, אך לא נמסר שמה של תחנת הרכבת שדרכה יעבור המשלוח, ולא היתה דרך לקבל מידע זה.

התהלכתי איפוא סביב לחצר בית־הכלא, וכשהגיעה כבר שעת לפנות־ערב, ראיתי משאית יוצאת מן החצר — משאית גבוהה, שהיה

---

53) מכאן ואילך — המשך הרשימה דלעיל (ע' 000).

נאָך אַלע חקירות פון פּאָסט, האָב איך קוים געפונען אַ פאַרבינדונג מיט דער סטאַנציע, האָב איך געוויינליך אַוועקגעשיקט ביידע זאַכן ווי ער האָט געבעטן. דעם טלית מיט די תפילין זיינען אָנגעקומען אין דריי וואָכן אַרום, און דער פּעקל עסן איז געווען אין וועג זיבן וואָכן. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ יאָר צייט כמעט — אַזוי האָט ער מיר דערציילט — אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן צום דאַווענען אַלץ ווי אַ איד דאַרף, וועט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם תענוג וואָס ער האָט דאַן געפילט.

* * *



סטעמפּ[115]. פון וועלכן איך האָב זיך דערוואוסט אַז ער לעבט און איז אין וועג, כאָטש איך האָב ניט געוואוסט פון וואַנען זי איז אַרויס.

ווייטער זיינען אַוועק מער פון צוויי וואָכן, ווען איינס אַזייגער ביינאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, קיין גלעקל אין טיר האָבן מיר שוין דאַן ניט געהאַט, דאָס האָט מען געבראַכט אַ טיעלעגראַמע אַז ער איז געקומען אויף אַן אָרט. ביינאַכט האָט די פּאָסט ניט געאַרבעט, אַזוי אָבער ווי זיי האָבן דערזען פון דער טיעלעגראַמע אַז זי ענטהאַלט אַ ידיעה פון דעם רב, האָבן זיי זיך אַלע מיט דעם פאַראינטערעסירט, און אַ אידישע מיידל, פון די אָנגעשטעלטע, האָט געזאָגט אַז זי נעמט אויף זיך צו צושטעלן מיר די טיעלעגראַמע ביינאַכט.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו שטודירן די טיעלעגראַמע פון וואַנען זי קומט, און זוכן וואו עס געפינט זיך דער דאָרף וואו ער געפינט זיך.

* * *

## טלית און תפילין נאָך אַ יאָר צייט

געבראַכט האָט מען דעם עטאַפּ אין דער הויפּט שטאָט פון קאַזאַכסטאַן[116], אין מיטל־אַזיע. און פון דאָרט האָט מען גרופּעס־ווייז צושיקט יעדערן אויף זיין פּונקט. דאָס איז געווען ט״ו בשבט[117]. ער האָט מיר שפּעטער דערציילט די שמחה וואָס איז געוואָרן אַז מען האָט זיך געפילט פריי, אַז מען האָט געקענט גיין אָן אַ שמירה, זיך זעצן אויף דעם טראָמוויי און פאָרן ווען מען וויל און וואוהין מען וויל. נאָך אַזעלכע שווערע, און מעג מען זאָגן שרעקליכע, עלף חדשים, איז דאָס געווען אַ געפיל וואָס עס איז אים שווער איבערצוגעבן. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט מיט עפּעס פאַרצייכענען אָט דעם איינגענעם געפיל. נאָר ער איז דאָך געווען ווייטער אַליין צווישן פרעמדע. די באַפעלקערונג איז

115) גלוית־דואר ללא חותמת.

116) אלמא־אטא (ראה רשימה שבהערה 2 בתחילתה).

117) להעיר שעשרים שנה לאחרי יום זה (ט״ו בשבט ת״ש) הזכיר כ״ק אדמו״ר ע״ד רשימותיו של אביו ז״ל בפעם הראשונה (ש״פ בשלח, ט״ו בשבט ה׳תש״כ (תורת מנחם — התוועדויות תש״כ ח״א ע׳ 365 ואילך)).

באַשטאַנען פון קאַזאַכן[118], נייע ברואים, אַזוי אַז טיילן זיך מיט וועמען עס איז, איז ניט געווען, און מען האָט זיך געדאַרפט באַגנוגענען נאָר מיט דער מחשבה וועגן דעם.

פון אַלמאַ־אַטאַ, האָט מען זיי גרופּעס־ווייז צושיקט אין די אָבלאַסטין[119]. זיין אָבלאַסטי, איז געווען קזיל־אָרדאַ[106]. אַלע האָבן געוואָלט מען זאָל זיי דאָרט לאָזן ווייל דאָס איז געווען אַ שטאָט, זיינען דאָך מסתמא פאַראַן דאָרט עפּעס אידן אויך. מען האָט זיי אָבער דאָס ניט ערלויבט. אַ חוץ עפּעס איין פּאָלקאָווניק[120], וועלכער איז געווען צווישן זיי – אים האָט מען געגעבן אַ סטאַנציע וואו עס גייט דורך אַן אייזענבאַן, איז ער נאַטירליך געווען שטאַרק צופרידן אַנטשאָט צו בלייבן ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף. זיי האָבן דאָרטן נאָר איבערגענעכטיקט אין שטאָט, ניט זעענדיק קיינעם, און דערנאָך האָט מען זיי, צוויי פון די אָנגעקומענע, אַוועקגעשיקט קיין טשיליי[121], פיר שעה פאָרן פון אָבלאַסטי.

## VI/4 [כ״ו אייר תש״ח][1].

שפּעט ביינאַכט זיינען זיי אָנגעקומען קיין טשילי. עס איז דאַן געווען שטאַרק פינצטער און וואוהין אַראָפּצוגיין האָט מען ניט געוואוסט. די קעלטן זיינען דאַן געווען שרעקליכע, און אויך די קאַזאַכישע שפּראַך האָבן זיי איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען. אויף רוסיש האָבן זיי זיך עפּעס דערפרעגט, אַז עס איז דאָרט דאָ איין איד, אַ תושב. האָבן זיי זיך צו אים דערקראָגן. דאָס איז געווען אַ שניידער, וועלכער איז אַמאָל געווען פאַרשיקט אַהין, ער האָט אָבער דאָרט חתונה געהאַט פאַר אַ קריסטליכע פרוי, און איז דאָרט פאַרבליבן וואוינען.

דערזעענדיק די צוויי פּאַסאַזשירן, אויסגעזען האָבן זיי מסתמא נאָך אַזאַ וועג ניט גאָר גוט, זיינען זיי אים ווייזט אויס גאָרניט געפעלן

118) קאזאחים.

119) למחוזות.

120) אלוף משנה.

121) ברשימה שבהערה 2: „זהו ששפטו אותי לגלות למתא ציאילי שהוא מלשון צל, ומספרו צ״ל א״ל״.



געוואָרן, און נאָך אַלע בקשות, האָט ער זיי בשום אופן ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטוב, און זיי האָבן מיט די לעצטע כחות געמוזט זיך לאָזן ווייטער זוכן. די ערד איז דאָרט זייער קלעפּיק און זי ווערט כמעט קיינמאָל ניט פאַרפרוירן. ווי ער האָט מיר דערציילט, איז געווען אוממעגליך אַרויסצושלעפּן די פיס.

דערזעענדיק ליכט אין אַ פענצטער, זיינען זיי אַריין אין יענער „הייזל״. אַזוי ווי אַלע הייזער אין יענע מקומות, איז יענע הויז געווען געמאַכט פון ליים, וואָס איז מער צייט נאַס ווי טרוקן. קיין בריקן איז אין שטוב אויך ניט געווען, עס איז געווען ערד אויסגעשמירט מיט ליים. דער בעל־הבית פון דער שטוב און די גויע זיין פרוי, האָבן עפּעס אויף זיי רחמנות געהאַט, און האָבן זיי אַריינגעלאָזט אין הויז, דאָס הייסט, אין קיך, און האָבן זיי אויסגעשפּרייט אויף דער ערד לעבן טיר אַ קאָלדערע, און ניט אויסטאָנדיק זיך, האָבן זיי מיט די פּאַלטאָען[122] וועלכע זיי האָבן געטראָגן אויף זיך, זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן. ליגנדיק אין די קעלט און אין דער נעץ, וואָס איז אַ ביסל אַ דורך דעם פּאַלטאָ, איז זיי נאַטירליך געווען שווער איינצושלאָפן, מען האָט זיי אָבער געגעבן צו גלעזער הייסע וואַסער, זיינען זיי אַ ביסל איינגעשלאָפן.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן טאָגן. מען האָט געדאַרפט אויפשטיין און טראַכטן וועגן איינאָרדענען זיך. די בעלי־בתים האָבן באַטראַכט די ביידע געסט און האָבן ערלויבט מיין מאַן ע״ה צו בלייבן אין הויז. און דעם צווייטן איד, האָבן זיי בשום אופן ניט געלאָזט בלייבן. עס איז אים נאַטירליך ניט געווען איינגענעם צו לאָזן דעם וואָוינונג נאָר פאַר זיך אַליין, ער האָט אָבער געמוזט מסכים זיין, און איז פאַרבליבן אין דער קיך וואו די בעלי בתים מיט זייערע צוויי קינדער האָבן דאָרט געמוזט עסן און דורכגיין.

טראָץ דעם אַלעמען, האָט ער דאָך געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ, און אַן אַדרעס – האָט ער מיר גלייך טיעלעגראַפירט איך זאָל אים פריער פון אַלץ אַרויסשיקן דעם טלית און תפילין און אַ פּעקל עסן.

122) מעילים.